בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' פ' נשא | כ"ה אייר | תשע"א | פסחים: ס.

## באריכט:

פארגאנגענעם ליל שב"ק איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום טיש אינאיינעם מיט די בחורי חמד ארום 20 מינוט נאכ'ן גוט שבת זאגן. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אשר ווידער הי"ו פון מאנטריאל, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר משה שווארץ הי"ו פון וויליאמסבורג.

ביי די תורה האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן מדרש הביאו לי שטר יוחסין כשם שמביאין בני, און אויסגעטייטשט בדרך דרוש בעניני קידושין צווישן הקב"ה און אידישע קינדער.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' קלמן יושע אשכנזי שליט"א ראה"כ סטאניסלאוו לאנדאן, מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר משה יוסף אשכנזי שליט"א מנהל התאחדות אברכים דקהלתינו הק' אין מאנסי.

מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר יוסף מייזליש שליט"א בן הגה"צ אבד"ק דקהלתינו מאנטריאל שליט"א. עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הייליגן רבי ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע. און מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר חיים יעקב קליין הי"ו פון ירושלים.

שבת נאכמיטאג האט דער רבי שליט"א פאהרגעלערנט פרקי אבות אין ביהמ"ד הגדול, ווי דער רבי שליט"א האט קודם מקדים געווען א דרוש אויף די משנה פון כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, און דערנאך פארגעלערנט די משנה אין פרק ה' משנה י', ארבע מדות באדם, האומר שלי שלי ושלך שלך וכו', און אויסגעטייטש בדרך מוסר, און מאריך געווען בדברי הכנה לימי שבועות.

ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן מדרש הביאו לי שטר יוחסין כשם שמביאין בני, און אויסגעטייטשט בדרך מוסר אז אויב זינדיגט מען גייט אוועק פון די מענטש דער צלם אלקים, און כדי די תפלות זאלן נתקבל ווערן דארף מען האבן א צלם אלקים, און דורך שב"ק באקומט מען צוריק דעם צלם אלקים, און דער רבי שליט"א האט מאריך געווען בדברי הכנה לימי שבועות מען זאל מתפלל זיין אויף לימוד התורה.

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן הרה"ג ר' בנציון לאוב שליט"א מו"ץ דקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג וחבר וועד הרבנים שע"י אירגון אדמת קודש.

נאכ'ן דאווענען האט רבינו שליט"א געפראוועט א מסיבת לחיים לרגל די הילולא קדישא פון הגה"ק ר' יקותיאל יודא מ'סיגוט זי"ע הי"ד, און אזוי אויך לרגל די יום הצלה והשיחרור פון אביו מרן רביה"ק זי"ע וואס געפאלט היינט – כ"ה אייר, ווי דער רבי שליט"א האט ארומגערעדט עובדות וסיפורים.

## דינער השנתי לטובת כולל עצי חיים לצדקת רבי מאיר בעל הנס היינט נאכט אין בארא פארק

היינט נאכט וועט אי"ה אין בארא פארק פאהרקומען דער יערליכער דינער לטובת די הייליגע כולל עצי חיים לצדקת רבי מאיר בעה"נ אין בני ברק אין וועלכע צענדליגער איגעלייט אנשי שלומינו אין בני ברק זיצן על התורה ועל העבודה ביגיעה רבה.

מרן רבינו שליט"א וועט זיך אי"ה פערזענליך באטייליגן ביי די מסיבה וועלכער וועט אי"ה פאהרקומען אין די זאלן פון הילמאן פלאזא, אינאיינעם מיט א סעודת הילולא לרגל די יארצייט פון הגה"ק ר' יקותיאל יודא מ'סיגוט זי"ע, און אזוי אויך אן אפצייכענונג לרגל מלאות י"א חודש לפטירת הרבנית הצדיקת ע"ה, לכבוד וועלכע איר אייניקל הרה"ג ר' יקותיאל יודא מייזליש שליט"א דומ"ץ בקהלתינו הק' אני ב"פ וועט אויפרעטן מיט דברי זכרון.

***-שטיצט דעם הייליגן כולל-***
***-אלקא דר' מאיר יעננו-***

## זמני כניסה אל הקודש פנימה פ' נשא

די וואך וועט מרן רבינו שליט"א אויפנעמען דעם ציבור צום געזעגענען ווי פאלגענד:

היינט – זונטאג - וועט צוליב'ן דינער לטובת כולל עצי חיים אין בארא פארק – וועט דער רבי שליט"א נישט אויפנעמען דעם ציבור.

מארגן מאנטאג און אזוי אויך מיטוואך וועט דער רבי שליט"א אויפנעמען אין קרית יואל ווי געווענטליך, פון 8:00 ביז 11:00 אזייגער אין אווענט בביתו נאוה קודש אויף אוהעל קט.

דינסטאג וועט אי"ה זיין זמני כניסה אין וויליאמסבורג פון 6:30 ביז 9:00 אזייגער פונקטליך, צוליב'ן דינער השנתי לטובת מוסדות יטב לב באה"ק וועלכע וועט אי"ה פאהרקומען אין וויליאמסבורג.

דאנערשטאג וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג פון 6:30 ביז 9:00 אזייגער, בביתו נאוה קודש אויף היוז סט.

## שמחה בחצרות קדשינו

דעם פארגאנגענעם ליל שב"ק איז געבוירן געווארן למז"ט א מיידל ביי הרה"ג ר' יואל מייזליש שליט"א בן הגה"צ אבד"ק דקהלתינו מאנטריאל שליט"א.

דער קריאת השם ושמחת קידושא רבא איז געפראוועט געווארן ביום השב"ק העעל"ט בבית

מדרשינו הגדול אין ב"פ. ויקרא שמה בישראל פעסיל לאה, נאך די עלטער באבע הרבנית הצדיקת ע"ה.

*-מזל טוב!-*

## מסיבה לטובת ישיב"ג קרית יואל אין לאנדאן

אצינד אין די נאכט שעה'ן באטייליגן זיך אנשי שלומינו אין לאנדאן אין די מאסן ביי די מסיבה לטובת די מתיבתא הק' אין קרית יואל, אין שטוב פון דומ"ץ דקהלתינו לאנדאן שליט"א, מיט די באטייליגונג פון הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א, וועלכער האט שוין געוויילט אין לאנדאן אויף פארגאנגענעם שב"ק בקרב קהלתינו הק'.

## מסיבה לטובת ישיבת "אהל תורה" אין קרית יואל

*אין שטוב פון העסקן מו"ה יוסף ישראל גרינפעלד הי"ו לע"נ אביו הרה"ח ר' דוד לייב ב"ר אברהם שלמה ע"ה*

היינט אוונט ווערט ערווארטעט א גרויסער ציבור צום גרויסארטיגן מסיבה אין שטוב פון הרבני הנדיב העסקן המפורסם מו"ה יוסף ישראל גרינפעלד הי"ו, לטובת די באקאנטע ישיבת אהל תורה אין בארא פארק, בהנהלת הרה"ג ר' יושע נחמן בערגער שליט"א.

אלס איינער פון די גליקליכע עלטערן פון די ישיבה אהל תורה, האט ר' יוסף ישראל נ"י באוויליגט אונטערצונעמען און דורכצופירן א מסיבה לטובת די ישיבה הק' וואס געפינט זיך אצינד אין גאר א שווערן פינאנציאלן מצב. ר' יוסף האט מקדיש געווען זיין שטוב פאר דעם וויכטיגן ענין, לע"נ זיין טייערן פאטער, דער אומפארגעסליכער און געטרייער עסקן הרה"ח ר' דוד לייב ע"ה, שטייענדיג נאך אין די י"ב חדשים לפטירתו.

תושבי קרית יואל וועלן אוודאי פילן פאר א פליכט און זכי' אנטיילצונעמען אין די וויכטיגע מסיבה, סיי לכבוד התורה און לכבוד דער ראש הישיבה הרה"ג ר' יושע נחמן שליט"א, סיי לכבודו פונעם בעל אכסניא הרה"ח ר' יוסף ישראל הי"ו, וועלכער איז א רעספעקטפולער עסקן אין קרית יואל און געט זיך איבער בלב ובנפש פאר די מוסדות און פארשידענע חסד ארגאניזאציעס אין די שטאט, ובפרט ווען די מסיבה איז געווידמעט לעילוי נשמת אביו היקר ר' דוד לייב ע"ה, מיט וועמען תושבי קרית יואל זענען געווען אזוי נאנט פארבינדן.

*-בואו בהמוניכם!-*

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**